יובל כ"ה בוך

V

...—

# 25 יאריגער יוביליי

# תלמוד תורה
# „עץ חיים"

ג. בוימאייל

# הרב ר' יהודה (יודל) ראָזענבערג ז"ל

## כאַראַקטעריסטישע אָפּשאַצונג פון א מערקווירדיגע פערזענליכקייט. *)

— די פאַרשיידענע ווהר'איבערזעצונגען — אידישער מיסטיציזם און זיין איינפלוס אויפן אידישען געדאַנק. — קבלה און גלויבען אין משיח אין פאַרשיידענע עפּאָכעס.

אין עלטער פון 75 יאָר, אין יאָר 1936, (כ"ו תשרי תרצ"ו) איז אין מאָנטרעאָל נפטר געוואָרען, דער באַוואוסטער רב ר' יהודא (יודל) ראָזענבערג ז"ל, אין וועמעס פטירה די רבנישע וועלט האָט פאַרלוירען איינעם פון אירע אָנגעזעהענע לומדים, און די חסידישע וועלט איינעם פון אירע קענער, פון אירע פאָרשער און פאָטענטאָרען. אלס איבערזעצער פון „זוהר", די ביבעל פון „קבלה", און חסידות, האָט ער געהאָלפען פּאָפּולאַריזירען און פאַרשפּרייטען דעם קבלה־מיסטיציזם, דעם חסידיזם.



הרב יהודה (יודל) ראָזענבערג

הרב יודל ראָזענבערג, איז געבוירען געוואָרען אין שטעטל סקאַרשעוו, (סקאַרשוב, ראַדאָמער געגנט) אין פוילען, אין חשון תר"ך (אַקם. 1860.) (לויט רייזען'ס לעקסיקאָן איז ער געבוירען געוואָרען אין יאָר (1865?). נאָך אלס איינגעל, האָט ער געשם'ט אלס „סקאַרשר בער עילוי". זייענדיג אַזוי פאַרטאָן אין די „לימודי קודש" פאַרטיפענדיג זיך אין נפ"ת, פוסקים א.א.וו. האָט ער דאָך זיך אָפּגעגעבען מיטן לערנען העברעאיש, דאָס „לשון עברי" וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאט, און צו 15 יאָר האָט מען אים שוין געטראָפען זיין פאַרטיפט אין די באַוואוסטע ווּאַסעס „לישרים תהלה" און „מגדל עוז" פון ר' משה חיים לוצאטו. אין סקאַרשובער „שטיבעל" (קלויז) האָט מען דאָס געהאַלטען פאַר א גרויסען פאַרברעכען. ווען ער איז אלט געוואָרען 17 יאָר, האָט ער חתונה געהאט מיט טאַרלע (א שטעטעלע אין פוילען) דאָרט באַקומען סמיכה פון די אָנגעזעהענסטע רבנים, פון לובלינער רב, הגאון ר' שניאור זלמן בעל „תורת חסד"; פון באַרימטען אָסטראָוצער רב הגאון הצדיק ר' יחיאל מאיר הלוי און פון באַרימטען וואַרשאָווער רב ר' זיינוועלע קלעפּפיש. ער איז נאָכהער געוואָרען רב אין דעם רערמאַנטען שטעטל, דאָרט איינגעפירט אין בית המדרש, א קלענערע ישיבה, געלערנט צוויי שיעורים יערען טאָג, און באַקאַנט געוואָרען אין פוילען, אלס ר' יודל טאַרלער. דאָס רערמאָנטע טאַרלע האָט מיט א 200 יאָר צוריק געהאט אלס רב דעם באַרימטען „פני יהושע" וועלכער איז אין זיין צייט געווען איינער פון די גרעסטע גאונים.

עס איז אָבער ניט באַשערט געווען דעם ראָזינגען גרויסען רב ער זאָל זיצען בשלוה אינם קליינעם שטעטעלע. עס איז אים ניט באַשערט געווען צו האָבען מנוחה אום אויסצונוצען זיין פרייע צייט פאַר ליטעראַרישער טעטיגקייט. זיין גאַנץ לעבען איז פול מיט רדיפות, מחלוקת, נדידות פון איין שטאָט צו דער צווייטער. זיין לעבען איז פול מיט פאַמיליען צרות, מיט פאַרשיידענע שטערונגען. פיין און לייד זענען גע־

*) אין הויז פון הרב ראָזענבערג איז מיט 27 יאָר צוריק געפלאַנירט און אָרגאַניזירט געוואָרען די תלמוד תורה „עץ חיים". פאַר די יאָרען וואָס הרב ראָזענבערג איז געווען רב אין טאָראָנטאָ איז די ת"ת. (ראָן נאָך א קליינע אינסטיטוציע א. ג. „פוילישע תלמוד תורה") געווען אונטער זיין השפּעה; סיי בנוגע דעם תכן־הלמוד, סיי בנוגע דעם פערסאָנאַל און פינאַנצען.

ווען זיינע שטענדיגע כאַנלייטער. זייענדיג רב אין טאָרלע האָט ער געהאַט פיל גענגער ווי דער שטיינער איז געווען אין פיל שטעטלאך.

ווי א רב אין א קליין שטעטעל, האָט ער געהאַט זיין טיילווייזע הכנסה פון פאַרקויפען הייוועץ, ליכט און זאַלץ, נו האָט אים קיין צרות ניט געפעהלט פון אָט דעם מסחר. אלס סוחר איז אים בכלל ניט געגאַנגען. נאָך איידער ער האָט איבערגענומען דעם רבנות־אַמט האָט ער געמאַכט פאַרשיידענע מסחר פרובען, געווען א לערער סוחר, אָן אייזען קרעמער — אָבער עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבען. דאָס לעצטע געשעפט איז אָפּגעווישט געוואָרען פון א גרויסע שרפה אין דערמאַנטען שטעטעלע, אזוי אז מען האָט מן השמים געפירט ער זאָל ווערען א רב.

אין פאַמיליע ענינים איז אים אויך געגאַנגען זייער שלעכט. די ערשטע פרוי איז אים געשטאָרבען און עס האָט געגומען א שטיקעל צייט ביז ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין צווייטע פרוי וועלכע האָט אָפּגעשטאַמט פונס נזע פון ר׳ ישראל׳טשע ריזשי־נער זצ״ל.

הרב ראָזענבערג איז געווען א חסיד, געפאָרען קיין לובלין צו דעם באַוואוסטען רבי׳ן ר׳ אברהם׳לע איגר (דער מחבר פון ספר „שבט־מיהודה״) און־אור־אייניקעל פונם באַריהמטען גאון ר׳ עקיבא איגר. אויך דאָרט האָט ער געהאַט אויסצושטיין צרות. חסידים האָבען געהאַט אויסצוזעצען קעגען אים פאַרוואָס ער לערנט זיך רוסיש, לייענט „ספרים חצונים״ . . .

עס האָט אסאָך געטראָפען, דערציילען חסידים, ווען ער האָט שטאַרק מיט התמדה געלערנט רוסיש, צו באַקומען די עקזאַמענס אלס רעגירונגס־ רב („קאַזשאַנני ראַבינער״) אזוי אז מען האָט אים געטראָפען שלאָפען אויף א באַנק אין לובלינער בית המדרש מיט א כיכל אין דער האַנט, נו, איז געווען היטעל עפען זיך! עס האָבען נישט געהאָלפען די אלע תרוצים, אז ער האָט דאָס געטאָן צוליב דעם, ווייל מען צווינגט דאָך די רבנים צו קענען רעדען און שרייבען רוסיש . . .

הרב ראָזענבערג האָט זיך דאַן באַזעצט אין ווארשא, אלס מורה הוראה, אין „סקערניעוויצער שטיבעל״, האָט אים אויך דאָרטען ניט געפעלט קיין דאגות, איבער־הויפּט דאגת־פרנסה. זייענדיג אין וואַרשאַ, האָט ער ארויסגעגעבען א חורשליכען רבנישען שריפט א. נ. „קול תורה״. ער איז נאָך ווארשא אוועק קיין לאָדז און פון דאָרט קיין קאַנאַדע, צו דער רעזידענץ פון פוילישע אידען אין קאַנאַדע — קיין טאָראָנטאָ. אין יאָר תרע״ג (1913) איז ער סים׳ן בני־בית אָנגעקומען אין טאָראָנטאָ. ער איז געוואָרען רב פון דער „פוילישער שוהל״ וואָס איז געשטאַנען אויף עלם סטריט, די רעמאָלטרינע אידען נאָס. אָבער אויך דאָ אין טאָראָנטאָ, אין גאָלדענעם אמעריקא, האָט דער רב געהאַט נענוג אויסצושטיין. ניט קענענדיג זיך צו פּאַסען צו דעם הינען לעבען האָט ער געליטען נוים און רחקות. ווי מען האָט מיר דערציילט, זענען געווען צייטען ווען עס האָט פשוט געפעהלט ברויט אין הויז. ער איז אוועק פון טאָראָנ־טאָ קיין מאָנטרעאָל אין יאָר תרע״ט (1919), וואו ער איז פאַרבליבען ביז צו דער פטירה.

אונטער אלע אומשטענדען איז שטענדיג ביי אים געווען „תורתו אומנתו״, גע־שריבען גרעסערע און קלענערע ווערק. זיינע ספרים און פּאַלקס ביכלעך האָבען געהאַט די זכיה פּאָפּולאַריזירט צו ווערען צווישען אידען. זיין ערשטער ספר „ידות נדרים״ צו פאַרענטפערען די „כלומר׳ס״ און אלע שווערע שטעלען פון ר״ן אויף מסכת נדרים, איז געלערענט געוואָרען אין פיל ישיבות און בתי מדרשים. אויך זיינע ספרים „מקוה יהודה״ (ווענען מאַכען א קליינע מקוה אין יעדען הויז) „מאור החשמל״ (ווענען עלעק־טרישע באַלייכטונג אום שבת און יום טוב), „דרשה צמר ופשתים״ (ווענען הלכות שעטנז) און זיין ספר „קריאה הקדושה״ מיט באַמערקונגען און גרעסערער

אידישער איבערזעצונג האָבען געבראכט פיל נוצען. איבערהויפט דאָס ספר „זוהר תורה" די איבערזעצונג פון זוהר אויף העברייאיש אין אלע טיילען האָט אויסגענומען ניט נאָר ביי סתם אזוי אידען און רבנים נאָר אפילו ביי משכילים און פאָרשער. אויך זיין פירוש „זיו הזוהר" ווערט פאררעכענט אלס איינער פון די בעסטע קאָמענטארען אין אזא פארנעם.

נאָך פאר אים, זענען געווען אזעלכע, וועלכע האָבען איבערזעצט דעם זוהר פון ארמעאיש אויף העברעאיש. אין זיין פירוש „דרך אמת" אויפן זוהר *) ברענגט דער באריסטער מקובל ר' חיים וויטאל א ציטאטע פון א העברעאישען ספר „זוהר קטן". א מקובל מיט'ן נאָמען ר' ישראל, האָט אין יאָר שנ"ב (1592), איבערזעצט איינינע מאמרים פון זוהר אויף תהלים א. נ. „תמים יהדיו". אויך אין דער צייט פון של"ה האָט איינער א ר' ישכר בער דער מחבר פונם פירוש אויפן זוהר „אמרי בינה" איבערזעצט געוויסע מאמרים פון זוהר אויף לשון קודש אונטער'ן נאָמען „מקור חכמה" לויט די פרשות פון דער תורה.

אויך דער „ספר הבהיר" אין העברעאיש, גלויבען פיל אז דאָס זאָל זיין אן איבערזעצונג פון זהר און אפשר זאָל דאָס זיין דער אמת'ער אָריגינעלער זהר און דער ארמעאישער זהר, וואָס מיר האָבען, זאָל נאָר זיין אן איבערזעצונג.

נאָר לעצטענס האָבען די רבנים ר' גרשון מרגליות און ר' משה גלערנטער געמאכט איבערזעצונגען פון געוויסע שטעלען אין זהר צו פאָפולאריזירען דאָס גרעסטע קבלה ספר, אָבער קיינער האָט ניט באוויזען ארויסצוגעבען א גאנצע זאך, א פולע איבערזעצונג.

פיל פרובען זענען געמאכט געוואָרען אָבער אָן דערפאָלג. שווער, זייער שווער איז צו אנטפלעקען די „רזא דרזין" פון „זהר" אין אן אנדערער שפראך, אפילו אין לשון קודש, די תורה שפראך. „רזא דרזין" איז עפעס מער טורוחדיג ווי „סוד שבסודות" „תא חזי", קלינגט בעסער ווי „בא וראה". ר"ר צבי כהן איז גערעכט מיט זיין באהויפטונג **) אז ווען דער זוהר זאָל געווען ווערען געשריבען אין העברעאיש, וואָלט ער ניט געווען געמאכט דעם גרויסען רושם ווי אין ארמעאיש. וואָלטען מיר געווען געהאט נאָך א מדרש. מיט וואָס וואָלט ער געשטאנען העכער פון די אנדערע מדרשים?

עס זענען אויך געמאכט געוואָרען פארשיידענע פארזוכען איבערצוזעצען דעם זוהר אין אנדערע שפראכען, אין לאטיין, פראנצויזיש, דייטש א. א. וו. די לאטיינישע איבערזעצונג איז געמאכט געוואָרען אין אָנהויב פון 16־טען יאָרהונדערט פון באריסטען איטאליענישען נייסטליכען עגידיאָ פאָן וויטערבא, א גרויסער קענער און ליבהאָבער פון תלמוד און קבלה, געלערנט ביים גרויסען מדקדק ר' אליהו לעוויטא. ***)

אין לאטיין זענען אויך איבערזעצט געוואָרען גרויסע טיילען פון באריסטען קבלה־ספר „עמק המלך" פון באריסטען מקובל „ר' נפתלי בן יעקב אלחנן מפולניא" וועלבער האָט געוואוינט אין ארץ ישראל צוזאמען מיטן „האר"י והחבריא" און איבערגעבען די קבלת פון האר"י. אין לאטיין רופט זיך דאָס ווערק: KABBALA DEUMDATA די מקובלים זענען געווען געגען איבערגעבען די „סודות התורה לחיצונים" ****)

*) זע דאָרט בראשית לד ע"ב; תשפ"ט ו' קס"ו ע"ב.

**) זע ד"ר צבי כהן: הרב יהודא ראָזנבערג (לחג יובלו תשבע"ס) ספר הזכרון. סונסריאל חרצ"א.

***) זע, גרעץ, די אידישע פאָלקס געשיכטע ו, 113.

****) זע: ד"ר שמעון גינצבורג, ר' משה חיים לוצאטו ובני דורו אסף אגרות ותעודות, ספר ראשון, תל־אביב, תרצ"ז, אגרת י"ג כ"ט, הערות: 57־58; ספר שני, תרצ"ז, ציונים ומלואים, תנ"ת.

הרב ראָזענבערג האָט דעריבער באַוויזן געוואַגטקייט און דרייסטקייט מיט זיין איינשטעלעניש, איבערצוזעצן דעם אַלגעמיין־אָנגענומענעם אַרמעאישן זהר אין העב־רעאיש. אזא ריזיגע אַרבעט ווי איבערצוזעצן געדאַנקען און אידיאָמען אין אַן אַנדערער בלי איבערצוגעבן סימבאָלען און אַלעגאָריעס פון זוהר . . .

ניט וויכטיג שוין, צו זיין איבערזעצונג אין לשון קודש, איז אַ פולשטענדיג־געלונגענע, איז זיין אַרבעט קאָלאָסאַל און באַדייטענדיג.

ער האָט באַגעגנט אַ שטאַרקע געגנערשאַפט מצד די חסידים וועלכע האָבן געזען אין דעם אַ פאַרשוועכונג פון זהר. מעג זיין אַז אָן דער איבערזעצונג איז דער זהר, אַ „ספר חתום", דער דורכשניטליכער מענטש פאַרשטייט דאָך ניט טיף „אַרמית", דאָך זיינען זיי געווען צופרידענער אַזוי ווי ער איז אין אַרמית.

זיי האָבן געהאַלטן אַז עס איז בעסער אַז מען פאַרשטייט ניט אַלע סודות, פאַראַן אַ מאמר אין אזולאי (חיד"א, איינער פון די גרעסטע מקובלים) וואָס לויטעט אַז בלויז זאָגן דעם זהר אפילו מען פאַרשטייט ניט איז אַ תיקון צו דער נשמה. נו, חסידים האָבן מער ניט געדאַרפט. דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג צו באַקעמפן דעם מחבר פון דער איבערזעצונג, מעג ער האָבן די בעסטע ערלעכסטע מאָטיוון — צו פאַרשפּרייטן דעם זהר'ס געדאַנקען.

און ניט בלויז חסידים, אַפילו רבנים, האָבן אין אָנהויב אַרויסגעוויזן געגנ־ערשאַפט; זיי האָבן דאָך געהאַט גענוג באַווייזן פון תלמוד, אַז די תנאים און אמוראים האָבן מקפיד געווען דערויף ס'זאָל די סודות פון דער תורה ניט לערנען צווישן דעם פּראָסטן עולם. די חכמי־התלמוד האָבן מקפיד געווען אויף „מעשה בראשית", ווי אַ פאַרבאָרגענע זאַך, וועלכער מען טאָר ניט נאָך טראַכטן. צו דער דאָזיגער פאַרהוילונג האָט ר' יונה געפונען אַ רמז אין דער תורה: „פאַרוואָס איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן מיט אַ „בית"? אַזוי ווי די בית איז פאַרמאַכט פון אַלע זייטן נאָר אָפן פון פאָרנט אַזוי אויך האָסטו ניט קיין רשות זיך אָנצושטעלן וואָס פון אונטן, וואָס פון אויבן, וואָס פון פאָרנט, וואָס פון הינטן, נאָר פון טאָג וואָס די וועלט איז באַשאַפן און ווייטער. „בר קפרא האָט געפונען אַ סמך צו דעם, פון פסוק: „ווייל פרעג דיך וועגען די ערשטע טעג, וואָס זענען געווען פאַר דיר, אין טאָג וואָס גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש אויף דער ערד" — פון טאָג וואָס איז באַשאַפן, מעגסטו פאַרשטיין אָבער ניט פון פריהער; פון איין עק הימל ביזן צווייטן, קענסטו פאַרשטיין, אָבער ניט פון ווייטער . . ."

(ר' יונה מצא רמז בתורה: למה נברא העולם בבית? אלא מה בית זו סתום מכל צדדיו ופתוח מלפניו, כך אין לך רשות לעמוד מה למטה מה למעלה מה לפנים מה לאחור אלא מיום שנברא העולם ולהבא . . . בר קפרא מצא סמך לזה במקרא: כי שאל נא לימים ראשונים אשר היו לפניך למן היום אשר ברא אלהים אדם על הארץ (דברים ד') למן היום שנברא אתה דורש ואי אתה דורש לפנים. מכאן ולמקצה השמים ועד קצה השמים אתה דורש וחוקר ואי אתה חוקר לפנים, (בראשית רבה פ"א).

זיי האָבן אויך שטאַרק מקפיד געווען אויפן סוד פון „מעשה מרכבה", און ווען איינער פון די בעלי התלמוד האָט געוואָלט מען זאָל אים לערנען די מעשה מרכבה האָט מען אים געענטפערט שהן „בבשונו של עולם" און מען טאָר ניט אויפדעקן גאָט'ס סודות פאַר יעדן מענטש. „אַ „ינוקא" (בית מדרש בחור) האָט געפאָרשט אין „חשמל" איז אַרויס אַ פייער און האָט אים פאַרברענט" (חגיגה י"ג ע"א). געווען אַזעלכע וואָס אַפילו זיי האָבן זיך געפילט ראוי צו לערנען די „מעשה מרכבה" פון יחזקאל, האָבן זיי דאָך נאָך אַלץ מורא געהאַט זיך איינצושטעלן.

ר' יוחנן האָט געזאָגט, צו ר' אליעזר: קום וועל איך דיך לערנען מעשה מרכבה, האָט ער אים געענטפערט איך בין נאָך ניט גענוג אַלט. ווען ר' יוחנן איז געשטאָרבן

האָט אים ר׳ אסי געזאָגט: קום וועל איך דיך לערנען „מעשה מרכבה״ — האָט ער אים געענטפערט: ווען איך זאָל געווען זוכה זיין וואָלט איך עס געווען געלערנט פון דיין רבין ר׳ יוחנן״ (חגיגה י״ג ע״ב).

ר׳ יוסף האָט געלערנט „מעשה מרכבה״, און די זקני פון פומבדיתא האָבען געלערנט „מעשה בראשית״, האָבען זיי אים געזאָגט: זאָל אונז דער הער לערנען מעשה מרכבה; האָט ער זיי געענטפערט: לערנט איר מיט מיר מעשה בראשית, האָבען זיי מיט אים געלערנט. נאָכן לערנען האָבען זיי אים ווידער געפרעגט: לערן אונז הער מעשה מרכבה. האָט ער זיי געענטפערט: מיר האָבען געלערנט „דבש וחלב תחת לשונך״ (שיר השירים ד׳) — די זאכען וואָס זענען זיסער פון האָניג און מילך זאָלען זיין אונטער דיין צונג. ר׳ אבהו זאָגט פון דאנען: „כבשים ללבושך״ (משלי כ״ז) זאָלסטו נים לייענען „כבשים״ נאָר „כבושים״, די זאכען וואָס זענען כבשונו של עולם דארפען זיין אונטער דיין קלייד. דער תלמוד זאָגט זיך ארוים גאנץ אָפען אז „אין מוסרין סתרי תורה אלא למי שיש בו חמשה דברים: „שר חמשים, ונשוא פנים, ויועץ, וחכם חרשים, ונבון לחש״; אין דורשין לא במעשה בראשית בשנים ולא במרכבה ביחיד אלא א״כ היה חכם ונבון מדעתו (חגיגה י״א ע״ב; י״ד ע״א).

אזוי זעט מען אלץ אז נאָך אין גאָר פריערדיגע צייטען, אין צייט פון תלמוד האָט מען פארוועדט און מורא געהאט זיך ארייגצולאָזען און צו פארשפרייטען די געהײמע סודות, די „חכמת הנסתר״ יעדער איינער זאָלען קענען אריין אין „פרדס״.

דערענגדיג ווענען קבלה און זהר איז כדאי זיך אָפצושטעלען אויף דעם פאקט דאָס די אידישע מיסטיק וואָס איז אזוי אלט ווי דאָס אידישע פאָלק, איז א גליד פון זיינע גלידער, און האָט קיינמאָל נים איבערגעהאט דעם פאָדים וואָס פארקניפט אים צום אידישען פאָלק סיי אין גוטע צייטען סיי אין שלעכטע, אין זיין הייסאט און אין גלות, ווען דער איד איז געזעסען בשלום אויף זיין ערד און אין זיין וואנדערען פון לאנד צו לאנד — שטענדיג האָט דער מיסטיציזם באגלייט דעם איד אין אלע זיינע לעבענס־ווענען און אין אלע זיינע לעבענס־פאזען. די פארשיידענע פאסירונגען אין די פארשיידענע עפאָכעס בײם אידענטום, האָבען גורם געווען אז אידישער מיסטיק זאָל אָננעמען פארשידענע פאָרמען. ציענדיג זיך פאר גאנצע דורות, האָט ער גענומען אָננע־מען פארשיידענע פאָרמען, פארשיידענע צווייגען און פארשיידענע ווענען. נאָך אין די פריערדיגע ספרים געפינען מיר ווי „גאָט זיצט אויף א פייערדיגע שטול, מלאכים מיט פלינלען שטייען ארום אים״; גאָט מיט זיינע מלאכים נידערען אויף דער ערד און רעדען מיט מענשען ווי מענשען; מענשען גייען אויף לעבעדיגערהייט אין הימל אריין: טויטע וועלען אויפשטיין; ימים און טייכען ווערען אויסגעטרוקענט דורך מענשען, און בהמות רעדען ווי מענשען . . .

דער פונדאמענט איז אָבער איין־איינציגער, וואָס גייט איבער פון דור צו דור איבער דער גאנצער אידישער געשיכטע. אָנהויבענדיג פון תנ״ך ביזן חסידיזם וואָס האָט זיך אין 18־טען יאָרהונדערט אָנגעהויבען פארשפרייטען. מיר געפינען די אידישע מיסטיק שוין אין תנ״ך, ביי די נביאים. דאָס לעצטע ספר פון די הייליגע שריפטען ספר „דניאל״, איז אינגאנצען א מיסטיש ספר. די אלע ניצוצות פון מיסטעריע וואָס געפינען זיך אין די פריהערדיגע כתבי הקודש האָבען אין אים געפונען א צענטער. דאָ ווייזען זיי זיך ארוים וואַרשיינליכער ווי אין וועלכען פריהערדיגען ספר. און דער מחבר פון ספר, ווייסט אויך, אז נים יעדער מענש איז מסוגל צו פארשטיין גאָטס סודות פון באשאַפונג „כי סתומים וחתומים הדברים עד עת קץ. דער נביא דניאל פונקט ווי דער מחבר פון ספר עזרא, וואָרענט נים צו דערציילען גאָטס סודות אין דער עפענטלעכקייט, ווי עס האָבען שפּעטער געוואָרענט די חכמי התלמוד און בעלי הקבלה *).

*) וועגען חסידות און קבלה־מיסטיק באריכות׳דיג, ביי א צווייטער געלעגענהייט.

פון שטענדיג אָן האָבען זיך געפונען צוויי ווידערשפּרעכענדע עלעמענטען אין אידענטום. די גאַנצע אידישע ליטעראַטור איז פול מיט אָט די צוויי גענענזעצטע אידעען: מיסטיציזם און ראַציאָנאַליזם. מיר געפונען אין אידענטום משה'ס תרי"ג מצוות אלס הויפּט יסוד פון דת, ר' עקיבא'ס פאַרצווייגטקייט, דרשנ'דיג „על כל קוץ וקוץ שבתורה תלי תלים של הלכות" דעם רמב"ם'ס וועג, דעם רמב"ן'ס וועג, דעם זהר'ס וועג, דער וועג פון ר' יוסף קארו, ר' משה איסרליש און די מיסטיק פון האר"י און ר' חיים וויטאל, דער וועג פון יעב"ץ און וועג פון רבי ר' יונתן אייבעשיץ (בעל „התומים), דער וועג פון ווילנער גאון (הגר"א), און דער וועג פון בעש"ט און די נאָכפאָלגער פון חסידיזם.

איין טייל האָט פאַרשפּרייט די תורה פון נגלה, פון שלטון השכל, פון לאָגיק, דער אנדערער טייל האָט אגיטירט פאַר תורה פון נסתר, נים דערלאָזען צו רעדען אין דער עפענטליכקייט וועגען זאַכען וואָס שטיין „ברומו של עולם". אזוי פון פילאָן דעם אלעקסאנדריער ביז צו דער צייט פון רבי ישראל בעל שם טוב (1698-1760) גרינדער פון חסידות באוועגונג. דער מיסטיציזם איז ברייט אנטוויקעלט געוואָרען אין ספרד (שפּאַניע), דאָרט אין ספרד האָבען זיך צוואַמען געטראָפען די צוויי שטרע־מונגען אין אידישען לעבען: פילאָזאָפיע און מיסטיק. אין דער צייט ווען די פילאָזאָפיע האָט אָנגעהויבען אריינדרונגען אין אידישען לעבען דורך ר' סעדיה גאון, ר"ש בן גבירול, רמב"ם און אנדערע, וועלכע האָבען פאַרשפּרייט די אידישע פילאָזאָפיע מיט דער הילף פון אריסטאָטעל און אנדערע גריכישע פילאָזאָפען וועלכע האָבען געהאַלטען אז די „הכרה אלקית", קען קומען נאָר און בלויז דורך לאָגיק און ראַציאָנאַליסטישע באַג־רינדונגען, האָט זיך אָנגעהויבען אויסוועבען, אנטוויקלען און שטאַרקען די אידישע מיסטיק, די אזוי גערופענע „קבלה", וואָס האָט נאָר געזוכט צו געפינען אין אידענטום דאָס „רוחניות" דאָס אונבאגרייפענדע און דאָס סורות'דיג חיליגסטע . . .

דער וויכטיגסטער פאָרשטעהער פון די ספרדישע מקובלים איז געווען דער רמב"ן (ר' משה בן נחמן) באגרינדער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון דער „קבלה עיונית", די אזוי גערופענע טעאָרעטישע קבלה. *) די ספרדישע מקובלים און מיסטיקער האָבען משפיע געווען אויף דער גאַנצער אידישער וועלט, געשאַפען באַדייטענדע קבלה ווערק און פּאָפּולאַריזירט דעם זוהר. אויך די אראַבישע מיסטיקער וועלכע זענען געקומען אין קאָנטאַקט מיט אידען, האָבען פיל איבערגענומען פון אידישען מיסטיציזם.

די קבלה האָט אינגאַנצען געפונען איר מקור אין זהר. דער דאָזיגער ספר, כאָטש מען ווייס נאָך נים ביז'ן היינטיגען טאָג גענוי, ווער זיין מחבר איז, ווען און וואו ער איז פאַרפאַסט געוואָרען, האָט ער פאַרבאַפּט אַלע אידישע הייזער און איבער־הויפּט די מיסטיקער וועלכע האָבען אויף אים געקוקט ווי אויף א געטליכע דערשיינונג, און איז געוואָרען דאָס אויסאַראָטיווע בוך נאָכ'ן תנ"ך און תלמוד. מען האָט געהאַל־טען אז אויך דער זהר איז מסיני. **)

דער דאָזענער ספר איז נתפרסם געוואָרען ביים סוף פון דרייצענדען יאָרהונ־דערט און איז געוואָרען דער פונדאַמענט צו דער חכמת הקבלה פאַר אַלע שפּעטערע דורות. עס איז אָנגענומען געוואָרען אז דער מחבר פון „זהר" איז ר' שמעון בן יוחאי. די מיינונג איז אָנגענומען ביז'ן היינטיגען טאָג.

דער זהר האָט אויפגעלעבט דאָס אידענטום, אריינגענעבען לעבען אין די אותיות פון דער תורה, דערהויבען דעם מענשען וואָס איז באַשאַפען געוואָרען אין

*) דער רמב"ן האָט געלעבט אין סוף פון אלף החמישי. ער האָט אָנגע־הויבען פאַרשפּרייטען די חכמת הקבלה און איז ארויס געגען דער מהקפּוער פילאָזאָפיע. ווען נים ער, גלויבען פיל, וואָלט די קבלה נים געווען זיך אזוי שנעל אויסגעשטעלט אין שפּאַניע.

**) רמ"א אין זיין ספר „תורת העולה" ח"ב פ"א. דער באַריהמטער מקובל ר' משה די ליאָן ווערט פאַררעכנעט אלס אויסדענקער פון זוהר.

„צלם אלהים", און רערקלערט די „עשר ספירות" . . . ווענען דער באשאפונג פון דער וועלט און אלע סורות פון גאָט'ס בריאה . . . ווי אזוי מען קען ארײנקומען אין „היכל המלך פנימה", אלע אידישע משיחים מיסטיקער האָבען אין איס געפונען א פלאַץ זיך אַנצוהאלטען. רער זהר איז במילא דער פונראמענט פון די רעליגיעז־מיסטישע באוועגונגען אין אידענטום רער זהר האָט רער ערשטער אויסגעדריקט דעם געראנק פון „לית אתר פנוי מיניה.", אז עס איז נאָרנים פאראן א ווינקעל אויף דער גאנצער וועלט וואו עס זאָל נים רוען די גאָטהיים.

די קבלה וואָס איז איבערגעגאנגען פון דור צו דור, האָט דורכגעמאכט פאר־שירענע פאָרמען. די קבלה פון ספרד וואָס איז געבוירען געוואָרען אין 13־טן יאָר־הונדערט איז געווען א סימע רענקענדע „קבלה" וואָס מיר רופען טעאָזאָפיע, קעגען דעם ראציאָנאליזם, שלטון השכל פון רמב"ם. א תורה וואָס קען נים איבערגעגעבען ווערען נאָר צו „יורעי חן".

דאָס פאראויסבאהאלטען די באהאלטענע תורת האָט גורם געווען צו פאלשע משיחים, וועלכע זענען געגאנגען מים כוח פון קבלה, האָבען פארבלענדט דאָס פאָלק, זיי איינגערעדט אז זיי זענען די משיחים מים וועלכע די אידישע מיסטישע ספרים זיינען אזוי פיל. אידען האָבען געהאט געגוג אויסצושטיין פון די פאלשע משיחים און איבערהויפט פון לעצטען יעקב פראנק וועלכער איז אויך געקומען מים דעם כוח פון קבלה און זהר.

נאָכהער קומט די „קבלה המעשית" וואָס איז געבוירען אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט אין ארץ ישראל, דאָס איז די שטה פון האר"י, (ר' יצחק לוריא אשכנזי), פון זיין תלמיד ר' חיים וויטאל, די הויפט פאָרשטעהער פון דער פראקטישער קבלה מים זייערע פיל נאָכפאָלגער ווי ר' ישראל שרוק, ר, אליהו וויראש, ר' משה קאָרדאָווערא א. א. אין צייט ווען די ערשטע „קבלת העיונית", האָט זיך געשטארקט אויפצורעקען רעם סור פון איינפלוס פון „עולם העליון" אויף רער אונטערשטער וועלט, האָט די קבלה המעשית געזוכט דורך וְוענען משפיע צו זיין אויף דעם עולם העליון, דורך פארשירענע פאָרמען פון אסקעטיזם, פייניגונגען, געבעטען און אלע מינים סיגופים משפיע צו זיין אויף מלכות שמים. דורך התבודדות זיך און אנדערע מתקן צו זיין. דורך יסורים צו ברענגען די גאולה, משיח'ן. די ראָזינגע לערע האָט איבערהויפט געווירקט אויף רעם פאָלק, און געווען א דירעקטע הילף די אלע פון 18־טן יאָרהונדערט — לעצטע משיח'ישע באוועגונגען.

די לעצטע מדרגה פון קבלה איז געווען דאָס חסידות, וואָס האָט לכתחילה אָנגענו־מען א פאָלקס כאראקטער און געוואָרן א פאָלקס באוועגונג. דאָס חסידות האָט זיך ארונ־טערגעלאָזט פון די הויכענישען, פון דעם „עולם האצילות", צו דעם „עולם התחתון" צום טאָג טעגליכען לעבען. פרעמד איז איר געווען די טעאָזאָפיע, די „קבלה העיונית" און אויך דער אסקעטיזם פון „קבלה־מעשית"; פארלאָזט די טרויעריגע רענקערישקיים פון דער ערשטער און דאָס טעלאנכאָלישע התלהבות און משיח'ישע געגועים פון רעם צווייטען — און גענומען זיך פרערינען פשוטע־אמונה. אנשטאָט חקירה און „חכמת אלקית" הייסט דאָס חסידות ראוונען מים כוונה מים שמחה, נים מים עצבות.

די אידישע געשיכטע פון פאר די לעצטע זיבען־אכט הונדערט יאָר, איז פול מים אָט די אומאויפהערליכע קאמפען און שטרייטען צווישען די מיסטיקער און ראַ־ציאָנאליסטען. מיין איצטיגע ארביים איז א באגרעניצטע און איך וועל זיך באגנוגענען מים בלויז אָנווייזען אויף עטלאכע וויכטיגע מאָמענטען אין דער ראָזינער מחלוקת.

אינם צווייטען העלפט פון פופצענטען יאָר הונדערט, האָבען צוויי באריםטע געלערנטע פון איטאליע באקעמפט די קבלה. זיי זענען: ר' יהודה בן יחיאל (אין

איטאליעניש מעטער ליאָן. געבוירען אין נעאפאָל אין יאָר 1450 (הרי״א) ער איז גוט באקאנט מיט זיין ווערק „נופת צופים" אין וועלכען ער גיט איבער די הויכע פילאָזאָפישע געדאנקען פון אריסטאטעל, פלאטאָ און אנדערע גריכישע פילאָזאָפען; דער צווייטער איז ר׳ אליהו דעל מדיגו (אין שפאניש קרעטענזיס). איס האָט מען געהאלטען פארן גרעסטען אירישען קאָפּ אין זיין צייט. ער איז געווען א גרויסער קענער פון שפראכען, א גרויסער פילאָזאָף און וויסענשאפטסמאן, פראָפעסאָר אין פאדוא און אין פלארענץ אוניווערזיטעטען. ער איז ארויס אין אָפענעם קאמף מיט די מקובלים און געוואגט צו קריטיקירען דעם זהר, באהויפטענדיג אז ניט ר׳ שמעון בן יוחאי האָט איס געשריבען. ער האָט פארעפענטליכט זיין ספר „בחינת הדת", באזירט אלע זיינע מיינונגען אויף שארפען שכל און לאָגיק אין געגענזאץ צו דער מיסטיק און קבלה וואָס הילט אלץ איין אין א לבוש פון הייליגקייט.

אין דער עפּאָכע פון „קבלה מעשית", (פראקטישע קבלה, דורך וועלכער מ'האָט באוויזען מופתים, געהיילט קראנקע, באשוואוירען שדים און רוחות א. א. וו.). אין יענער צייט, אז ר׳ עזריה בן משה די ראָס ,(געבוירען אין מאנטוא, איטאליע 1514) איז ארויסגעקומען מיט אזא ספר ווי „אריסטאָס בריוו צו זיין ברודער פילאָקראטעס" (דערשינען 1570) גערופען אין העברעאיש „מאור עינים", האָט מען איס שיער מחרים געווען, האלטענדיג דעם ראציאָנאליזם פאר אפיקורסות.

עס איז גוט באקאנט דער קאמף פון ר׳ יעקב עמדין (1696־1776) מיט די יענינע פון זיין צייט וועלכע האָבען זיך באנוצט מיט דער פראקטישער קבלה, ספעציעל נעגען דעם פראגער רב, דעם רבי'ן ר׳ יהונתן וואו זיין „קנאות'דיגקייט" האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע. ווען מען באטראכט אָביעקטיוו ר׳ יעקב עמדין'ס קאמף, ווייזט זיך ארויס אז ער איז ניט אינגאנצען אומגערעכט געווען. זייענדיג אליין א גרויסער קענער פון קבלה און אין די „כתבי האר״י", האָט ער דאָך אין זיין צייט באקעמפט די „קבלה מעשית", האָבענדיג דעם חשד אויף די וועלכע פארנעמען זיך מיט איר אז זיי זענען אָנגעשטעקט מיט דער אמונה פון שבתי צבי. אין זיין צייט דארף מען וויסען האָט נאָך געבושעוועט יעקב פראנק און זיינע אָנהענגער . . . ער האָט דעריבער אויפן שארפסטען אופן באקעמפט די וועלכע ער האָט חושד געווען אין געהערען צו דער „כת שבתי צבי" וואָס האָט דאן אָנגעמאָן א חורבן אין אידענטום.

ר׳ יעקב עמדין, אויסער זיין גדלות אין לערנען ווי עס באווייזט זיין ספר „שאילת יעבץ", איז געווען א קענער פון פילאָזאָפיע, א קענער פון שפראכען, ספעציעל זיך אויסגעצייכענט אין העברעאיש.

ער האָט אָנגעשריבען א צענדליג ספרים, ווענען זיינע קאמפען אין די ספרים „עדות ביעקב" און „תורת הקנאות". ער איז געווען א הויך־עטישער מענש. ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות, געמאכט א ברכה „שלא עשני אב״ד"; ערשט אין יאָר 1728, האָט ער באין ברירה אָנגענומען דאָס רבנות אין דער שטאָט עמדין, וואָס ער האָט אָנגעהאלטען ביז 1733 און נאָכדעם געעפענט א דרוקעריי אין דענמארק.

עס איז אונז ניט ווייניגער באקאנט דער קאמף צווישען ר׳ משה חיים לוצאטו און די רבנים פון זיין דור. דער קאמף איז געפירט געוואָרען פון באריסטען רב ר׳ משה בן יעקב האגיז (געב. תל״ב 1671 נפטר בצפת תצ״ח 1737), דער גרעסטער קנאי און קעמפער געגען די נאָכפאָלגער פון שבתי צבי, ער האָט מחרים געווען דעם שבת צבי'ניק נחמיה חיון און לסוף זיך גענומען צו דער שארפער קנאותדיגע מלחמה געגען רמח״ל. *)

*) זיינע קאמפען גיט ער איבער אין זיינע ספרים „מלחמת ה׳ וחרב לה׳ און „כתבי חרם על ספר מהימנותא דכולא ועל חיון".

ר׳ משה חגיז האט מיט דער הילף פון די „רבני אשכנז ופולניא“ מיט די הארב־סטע ווערטער מחרים געווען די „כתבי רמ״חל“ (ה׳ חשון, תצ״ו) *) דער סוף איז געווען אז רמח״ל איז געווען געצוואונגען צו געבען א שבועה, מער נים צו שרייבען „על־פי מגיד, מלאך קדוש ונורא“, מער נים צו שרייבען דעם געפלאנטען „זוהר תנינא“. א טייל פון זיינע ספרים זענען דן געווארן „לשריפה ולקבורה“ ווי עס זאגט עדות הרב יעקב כהנא פון פראנקפארט.

דער נאונישער משורר, פאטער פון מאדערנער העברעאישער פאעזיע האט געהים זיין שבועה וואס איז אויף אים ארויפגעצוואונגען געווארן און מער נים גע־לערנט צו אנדערע די סודות הקבלה. די לעצטע יארען האט ער פארבראכט אין ארץ ישראל וואו ער איז נפטר געווארן אין עלטער פון פיר און פערציג יאר אין יאר תס״ז.

ווענען דעם קאמף צווישען מתנגדים און חסידים אין פוילען, ליטא, רוסלאנד איז אלעמען באקאנט. עס איז בלויז כאראקטעריסטיש וואס דער ווילנער גאון, רבנו אליהו זצ״ל, זייענדיג איינער פון די גרעסטע מקובלים וועלכער איז נים ווייניגער גרוים געווען אין „תורת הנסתר“ ווי אין „נגלה“, ער, דער פארערער פון ר׳ משה חיים לוצאטו, וואס זאל זיך געווען אויסדריקען אז ווען רמח״ל זאל נאך לעבען, וואלט ער עולה רגל געווען צו אים, צו לערנען פון אים מוסר, ער האט באקעמפט חסידיזם, און אנ־געפירט א העפטיגען קאמף געגען בעש״ט׳ס נאכפאלגער. זיין קאמף האבען פארגעזעצט מיט דער גרעסטער אינטענסיוויטעט זיינע תלמידים און נאכפאלגער, באקאנט אלס די גדולי המתנגדים.

דער חסידיזם האט אויך די גאנצע שטיצע פון זהר, דער קוואל פון וואנען חסידות שטאמט. **)

חסידיזם האט אויך געהאלטען אז לערנען דעם זהר ראפען נאר „די יחידי סגולה“. פאר די פראסטע איז גענוג אז זיי זאלען „זאגען“ דעם זהר, מיט׳ן בלויזען זאגען קען מען אויך דערנענטערען די גאולה. און אויב איינער האט אנגעהויבען פארשפרייטען און אויסטייטשען די סודות פון דער תורה ווי ר׳ נתן בראצלאווער, ר׳ שניאור זלמן מליאדי (בעל „התניא“ און „שולחן ערוך הרב“) דער באגרינדער פון חב״ד האט מען זיי באקעמפט. חסידים האבען אויך געהאלטען אז דער זהר האט אין זיך מער מיסטיק און אפעלירט מערער אין זיין ארגינעלער ארמעאישע שפראך. דערצו נאך ווען עס קען מעגליך זיין אז דער זהר איז געשריבען ספעציעל אין ארמית אין דער שפראך וואס די מלאכים קענען נים כדי זיי זאלען זיך נים מתקנא זיין אין אונז, ווי די גמרא פארענטפערט אנדערע זאכען, וואס ווענען געשריבען אין ארמעאיש, אינם „לשון שאין מלאכי השרת נזקקין לו . . .“

עס איז געווען דער באריסטער קלוגער ראזינער רבי, ר׳ מרדכי יוסף אלעזר ליינער ז״ל (תרכ״ד־תרפ״ט) וועלכער האט הרב ראזענבערג׳ן אנטזאגט צו געבען אן הסכמה אויף זיין ספר, נעבענדיג אים צו ערקלערען מיט א „משל ווען מען זאל איבערזעצען דעם העברעאישען טיטול עמוד הברזל, פטיש החזק, צנא מלא ספרא . . . אין אן אנדערער שפראך (אייזערנער זאל, שטארקער האמער, קויכער מיט ברוכם) וועט עס דען האבען א טעם?“ צוליב דער אורזאך האבען זיך פיל

*) זע. דערמאנטע ווערק פון ד״ר שמעון גינצבורג, ספר שני, ז. שכ״ח. אויך ווענען דעם ווי אזוי דער חרם איז געמאכט געווארן, זיין ווירקונג און רעזולטאטן.

**) דאס ווארט חסידות, (פרומקייט) איז אן אלטער העברעאישער אויסדרוק: „שמרה נפשי כי חסיד אני“ (תהלים פ״ו, ב׳). אין תלמוד ווערט דערמאנט „חסידים הראשונים“ און „חסידים ואנשי מעשה“. אין מיטעלאלטער איז עס געווען א טיטול פאר אן ערלעכן איד. ערשט אין 18׳טן יארהונדערט איז געשאפען געווארן די באוועגונג פון חסידות און חסידים.

רבנים אנטזאָגט צו געבען זייער הסכמה אויף דער איבערזעצונג פון זהר. פונדעסטוועגן האָט ער דעם דערמאָנטן נאָך יונגען רב ניט אָפּגעהאַלטן פון אָט דער גרויסער ארבייט. נאָך גרויס מי איז אים געלונגען צו קריגען הסכמות פון געוויסע באַריסטע רבנים און רביים, פון דעם באַריסטן ספרדישען רב ר׳ חיים חזקיאו מדיני באַקאַנט אונטערן נאָמען חח״ם דער מחבר פון „שדי חמד" וואָס איז דעמאָלט געווען רב אין חברון, ארץ ישראל. ער איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט אים געגעבן די בעסטע הסכמה אויף דעם „זהר תורה", אין זיין הסכמה איז ער מסכים מיט׳ן מחבר אז עס איז פיל בעסער מען זאָל פאַרטייטשן דעם זהר אידיער וואָגען און ניט פאַרשטיין קיין וואָרט. צווישען די מסכימים געפונען זיך אויך די רבנים ר׳ שלום מרדכי הכהן (ברעזאַנער רב), הרב ר׳ חיים בערלין, ר׳ אליהו חיים מייזעל פון לאָדזש און הרב ר׳ יעקב מזא״ה דער באַריסטער מאָסקווער רב.

אינטערעסאַנט איז אויך צו ברענגען וואָס דער באַריסטער פילאָלאָג און שפּראַך פאָרשער א. האַרקאַווי שרייבט (אין א בריוו, געדרוקט צווישען די הסכמות) צו דעם מחבר: „הן הופיע לפני הוד ספרו „זהר תורה" ואבא היום על העיון וארא כי הוד והדר פעלו, הוצק חן בשפתותיו. הכל עשה יפה בעטו ובלי שפתי חנף, אוכל להגיד לו, כי הפליא לעשות".

גאַנצע צוואַנציג יאָר, האָט אים גענומען צו פאַרענדיגען די איבערזעצונג פון זהר אויף די פינף חומשים, תהלים, שיר השירים, קהלת, משלי, אין זיבען טיילען *).

אזוי פיל מי און אָנשטרענגונג האָט הרב יודל ראָזענבערג אוועקגעגעבען צו פאַרגרינגערן דאָס לערנען פון זהר אז אויך די „בינונים" זאָלען עס פאַרשטיין. ער איז געווען ביי זיך זיכער פונקט ווי אַלע מקובלים אז דאָס איז א באַווייז אז די גאולה איז שוין נאָענט, ווייל, דורך דער פאַרשפּרייטונג פון זהר האָט ער געגלויבט, וועט מען משיח ווי ער זאָגט אין זיין הקדמה . . . „כי זה אות שקרובה הישועה להגלות. כדברי אליהו (הנביא) לר׳ שמעון ז״ל דבי, דבי, כמה זכאה אנת דמהאי חבירא דילך יתפרנסון כמה עלאי, עד דאתגליא לתתאי בסוף יומיא ובגיניה ושבתם איש אל אחוזתו ואיש אל משפחתו תשובו . . ."

הרב ראָזענבערג, האָט אויך אום צופרידענצושטעלען די נאָך עקסטרעמע צנועים ניט איבערגעזעצט די נאָך סיפּע ענינים ווי: 1) ספרא דצניעותא 2) אדרא דמשכנא 3) אדרא רבא 4) אדרא זוטא 5) היכלות 6) עניני גן עדן 7) עניני גהינום 8) מסתרי בריאת העולם בכלל 9) מסתרי מעשי בראשית בפרט 10) סתרי תורה 11) חמצית מדרש הנעלם על דבר הנעלם על דבר תעלומות חיי הנשמה ועל דבר תעלומות עניני תחיית המתים.

די דאָזיגע אַלע זאַכען האָט ער איבערגעקוקט, צונעשריבען מראה מקומות און צוגעגעבען דעם פירוש „דרך אמת", אָבער ניט איבערזעצט אין העברעאיש. די נאָך טיפע סיפּעניטען פון די סודות הקבלה האָט ער מורא געהאַט, זיך איינצושטעלען, זיי מפרסם צו זיין.

אזוי ווי אין אַלע מיסטישע ספרים אזוי אויך אין זהר ווערט געזאָגט נבואות׳ן וועגען דעם „גרויסען טאָג" פון משיח׳ס אָנקומען. די מיסטיק האָט אויף דעם טאָג פיל אכט געלייגט, האָט אָנגעוויזען אויף די גוואַלדיגע ענדערונגען וואָס וועלען דאַן פאָרקומען פאַר דער אידישער גאולה, און גאולה פון דער שכינה. **).

*) די לעצטע בענדער ווענען דערשינען די לעצטע יאָרען שוין אין אמעריקא.

**) וועגען דעם האָב איך שוין געשריבען א סעריע ארטיקלען פאַרעפענטליכט אין פאַרשיידענע צייטונגען. מערסטענס אין טאָראָנטאָר „אידישען זשורנאַל" און אין פילאַדעלפיער „אידישער וועלט".

דער זוהר איז געגאנגען נאָך װײטער און האָט אפילו אָנגעװיזען די ראטע פון משיח'ס קומען. װען עס איז געקומען אן עת צרה האָט מען גערעכענט אז עס איז „חבלי משיח”.

אין יאָר ת״ח האָבען אידען אין פױלען זיך געגרײט צו ביאת המשיח. זײ האָבען זיך פארלאָזט אויפן סמך פון זהר דאָס אין יאָר ת״ח װעט משיח קומען: „אין זעקסטען טויזענט צו דער צייט פון פיר הונדערט און אכט —זאָגט דער זהר נביאות — װעלען אויפשטײן אלע אײנװאױנער פון דער ערד אין זײער שטאנד צו תחיית המתים *) הערט מען דאָך גאנץ קלאָרע אפענע דבורים און װער פון די בעלי הקבלה האָט אין דעם נים געגלױבט? „אין יאָר ת״ח — זאָגט דער מקובל ר' נפתלי כץ װעט משיח צו נעמען די מלוכה פון סולטאן” **) אין יאָר ת״ת װעלען די טויטע אויפשטײן זאָגט אן אנדערער. ***) אויך דער בארימטער ר' שבתי כהן, דער ש״ך, האָט געהאפט אויף דעם יאָר װאָס װעט זײן א משיח יאָר **** און ר' שעפטיל הורװיץ האָט אין דער סליחה אויף די הרוגי ת״ח געשריבען: „ת״ח למספר אלף הששי ואמרתי בלבי לצאת חפשי” . . . §)

משיח איז אין יאָר ת״ח נים געקומען, אנשטאט משיח'ן זענען נאָר געקומען גרויסע צרות אויף אידען אין פױלען. אָבער דאָס האָט נים אָפּגעשװאַכט דעם גלױבען אין משיח'ס קומען. מען האָט געפונען אנדערע רמזים אין זהר, מען האָט אָנגעהויבען רעכענען װענען תזיון װאָס דניאל האָט געזעהן װענען „קץ הימין” אין די „אלף שנין” פון דער הײליגער משיח'ישער מלוכה און דער גלױבען אין משיחן איז נאָך שטארקער געװאָרען. מען האָט אויף איס געהאָפט יעדען טאָג אז אָט אָט קומט ער, און דעריבער איז קיין װאונדער װאָס די שטיפע פון פאלשען משיח שבתי צבי (1626-1676) האָט אָנגעקלונגען אין אלע עקען פון פױלען. ÷)

אין חסידות זענען שוין געװען פארשײדענע דרכים אין אָנװײזען ראטעס פאר משיח'ס קומען. געװען אזעלכע װעלכע האָבען אָנגעװיזען פארשײדענע רמזים, אז ער װעט קומען אין דעם און דעם יאָר. געװען אָבער אזעלכע װעלכע האָבען געהאלטען אז דעם סוד דאַרף מען נים אויסגעבען. נאָך מער, דער יוד (פון פשיסכע) דער רבי ר' יעקב יצחק הורװיץ האָט גאנץ אָפען געזאָגט װענען די „מגלי עתידות” אז „דער װאָס װײס זאָגט נים; און דער װאָס זאָגט, װײס נים . . . פילע חסידישע רביים האָבען אָבער דערװארטעט משיח'ן אין זײערע צײטען. דער רבי פון לובלין ר' יעקב יצחק הורװיץ האָט געװאָלט, צװאמען מיט קאָזעניצער מגיד און ר' מנדלי רימאָנאװער, ״ארונטערברענגען משיח'ן אין יאָר תקע״ה אום תשעה באב, װען נישט דאָס, װאָס ער איז ארױסגעפאלען פון פענסטער. די חסידישע לעגענדעס, װעגען דעם פאל, װאָס האָט גורם געװען זײן פטירה, זענען אלעמען באקאנט.

נאָר א גרויסער טײל פון די רביים האָבען געגלױבט אז משיח װעט קומען אין יאָר תרס״ו (אין צייט פון די סטרײקען).

*) באלף שתיתאי לזמן ארבע מאות ותמניא שנין יחיו קימו כל דיירי עפרא בקיומהון וגו' (ח״א קל״ט ע״ו)

**) פסק הסלך ל״ג אמשטרדם 1663 ***) מגלה עפה (ב״מ סוף)

****) געדרוקט אין לקורות תגזרות (ח״ב לה״י גורלאנד).

§) עס איז דעמאָלט אויפגעשטאנען דער סרוכ׳סרינג באהיסמער באגדאן כמעלניצקי. אין זײן אויפשטאנד געגען פױלען האָט ער אויסגעהרגעט הונדערטער טויזענ־טער אידען װעלכע זענען דעמאָלט געבליבען געטרײ צו זײער לאנד : . .

÷) אלע האָבען געגלױבט אז אָט־אָט קומט די גאולה און זײער מרוים װערט פארװירקליכט. אלע האָבען געגלױבט אז מע קען שוין די קײטען בײ די טױערען פון רוים, אז דער משיח װעלכער זיצט שוין אזוי לאנג און װאַרט אין זיך אײן אידישע לײדען, אידישע יסורים איז שוין אַרױס מיט זײנע אָפענע װאונדען און זיך גרײט נע־מאכט צו מלחמה גוג ומגוג אויף װעלכע די נביאים האָבען פאָראויס געזאָגט.

דער מיסטער מניר האָט אפילו געפונען א רמז אין רש״י פרשת יתרו: „מה שמיעה שמע ובא קריעת ים סוף״ . . . די ר״ת פון „מה שמיעה שמע ובא״ באטרעפט ת־ר־ח־ו. פארשטייט זיך אז פון די אלע רמזים איז גאָר נים געוואָרען, משיח איז נאָך נים געקומען. אירען האָפען נאָך אלץ אויף אים. הרב ראָזענבערג אלס מקובל און חסיד גלויבענדיג אין די רמזים פון זוהר דאָס ספר פון ר׳ שמעון בן יוחאי, האָט ער געזוכט צו פארענטפערען דעם זוהרס משיח׳שע פראָפעציייאונג.

הרב ראָזענבערג קען זיך נים דערלויבען אזא מין זאך. ווי געוויסע חוקרים באהויפטען צו זאָגען אז דאָס האָט איינער צונעשריבען אין זוהר און ער האָט נים געטראָפען. אלץ וואָס שטיט געשריבען אין זהר איז אמת און וועט מקוים ווערען — מיר דארפען נאָר פארשטיין דעם זהר אין זיין אָנווייזונג וועגען דער ראמע פון דעם אָנקומען פון משיח.

דער אמת איז אז פון דעם „רעיא מהימנא״ פון פרשת „פינחס״ קען מען בכלל נאָר נים דערגיין און עס איז איינע פון די קאָמפליצירטע שטעלען אין זהר. לויט דעם קאָמענטאר פון מחבר פון „זהר תורה״ זאָל זיין דער ראמע פון משיח׳ס קומען (פון „לא זכו־בעתה״ נים לויט „אחישנה״ וואָס קען קומען יעדען טאָג) דאָס יאָר ר׳ ע״ב, 227 יאָר פארן אלף השביעי, וואָס איז שוין שבת־יאָר. דער גלות, האלט ער, קען זיך מער נים ציען ווי 19 הונדערט יאָר. דער הויפט גלות איז דער אלף החמישי און א תוספות פון אלף חששי (דער גאנצער אלף הששי הייסט תוספות) איז גענוג 9 הונדערט יאָר וואָלט דאָס געהייסען ווי דער זהר וויל זאָגען 19 הונדערט יאָר פארן זיבעטען אלף, אזוי ווי דער חורבן איז געווען מיט קע״ב 172 יאָר פארן פינפטען „אלף״ דארף די גאולה זיין 272 יאָר פארן זיבעטען אלף, דאָס מיינט דער זהר „ערב וידעת״ (ס״ן 150 יאָר, צו זעקס שעה לויט נאָכט שעת׳ן אין טאָג) און אזוי עס וועט ווערען פארענדיגט די נייצען הונדערט אין ת״ש כ״ת צום זעקסטען אלף וועט בלייבען 72 יאָר פון אכטען יאָרהונדערט אזוי ווי די צאָל פון „ובכן צדיקים יראו וישמחו״ וואָס דער זהר ברענגט דאָרט. אין יאָר תרמ״ו האלט ער איז נאָר געווען א „פקודה״ . . .

אזוי זעהען מיר ווי די מקובלים לאָזען זיך אריין אין מיסטיציזם און גלויבען אז זיי ווייסען באמת וואָס ער וועט פאָרקומען, און אז זיי ווייסען וואָס עס טוט זיך אין הימעל.

מיט דעם זעלבען גאנג מיטשט ער אויס, דעם „זהר חדש״ פון פרשת „בלק״ אויפן פסוק „אראנו ולא עתה״ . . . אז ער מיינט נאָר מיט צוויי יאָר שפעטער אין יאָר רע״ד תשכ״ו, זאָל זיין דאָס יאָר פון משיח, און אז זיי זאָלען זיך נים סותר זיין דער „זוהר חדש״ מיט „רעיא מהימנא״ דער חילוק זאָל נאָר זיין אין צוויי יאָר, איינער זאָל האלטען אז די גאולה וועט זיך אָנהויבען מיט צוויי יאָר פריהער און דער אנדערער דער „רעיא מהימנא״ רעדט שוין פון „גמר גאולה״ אָבער „אלו ואלו דברי אלהים חיים״ . . . און ער האָט געגלויבט אז דער זהר חדש זאָגט אז די גאנצע אמת׳ע גאולה וועט נים זיין בדרך הטבע, „ביה זמנא יתקף קב״ה ויפיים לאילתיה בכמה פיוסיו ויתקוף בה ויוקים לה מעפרא״.

אין יענער צייט וועט נאָט שטארקען די אידען און זיי אויפשטעלען פון דער ערד.

דעם ראָזינגען געראנק און פירוש אין זהר חדש וואָס די גאולה זאָל קומען אין יאָר תשכ׳ו ווידערהאלט ער עטליכע מאָל אין שיר השירים פרשת ה׳ פסוק השבעתי אתכם וגו׳ און אין סוף קהלת. ער האָט זיך שטארק באמיהט אָנצואווענדען די פאר־שיידענע אנדערע פירושים און איבערהויפט די ראָזינגע וואָס האָבען געמיינט אז אין יאָר רע׳ר פון אלף הששי וועט קומען די גאולה, וויל מען זעט דאָך באשיינפערלעך אז עס איז אזוי נים געווען נאָר דאָס מוז ארויפגיין אויף די רע״ר יאָר וואָס וועלען אי־

בערבלייבען. דאָס האָט געהייסען ביי איס מגלה זיין „סוד הגאולה״. ער האָט געבעטען נאָך ער זאָל איס מכפר זיין פאַרן אויסזאָגען דעם סוד ווייל ער מיינט עס ערנסט צו שטאַרקען די אמונה. (און אלע לויטן אנגענומענעם כלל דאָס ביי נאָס איז טויזענט יאָר איין טאָג און אז „ר׳נ שנה לשש שעות של ערב שאחר חצות היום ועוד כ״ב שנים קודם זמן הערב של חצות היום״ . . . און אז פון תרס׳ו האָט זיך אָנגעהויבען די חבלי משיח). ער האָט אויך געגלויבט אז תחיית המתים וועט זיך אָנפאַנגען 40 יאָר נאָך דער גאולה תשס׳ח און זיך ענדיגען אין יאָר ת״ת פון אלף השישי ווען אלע מתים וועלען זיך אויפהויבען פון זייער לאַנגען שלאָף — דערמיט האָט ער געוואָלט אויסגלייכען די סתירות אין זהר און די ספרי קבלה. אין זהר פרשת וירא פון ר׳ שמעון בן יוחאי ווייזט אויס אז די גאולה דאַרף זיין אין יאָר תר׳ס ביז ת׳ש אין זעקסטען טויזענט . . . לויט זיין פאַטענטאַר זאָל דאָס מיינען „ו״ פעמים „י״ זעקס מאָל צען־צענער — 600 „י״ פעמים „ו״ צען מאָל זעקס—60 און „ו״ אליין. צוליבן חורבן סע״ד־קרוב לג׳ שעות מיינט תר״ס אין אלף הששי.

דער מחבר פון זהר תורה און פירוש „זיו הזהר״ האָט אויך די ראַזינע סתירה געוואָלט פאַרענטפערען אז דאָס איז געמיינט א „פקירה״, אן אָנהויב פון דער גאולה וואָס דאַרף זיך אָנהויבען ח׳ מאות שנים אחר החורבן של בית שני. אלע אויף דעם זעלבען אופן, אין איין שיטה פאַרענטפערט, די סתירות אין זהר. דער מחבר איז אויך זיכער אין זהר אז דאָס איז געווען אמת. א ראיה, די מלחמות, די וועלט מלחמה און אלע צרות וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען תרס״ו, אז רוסיא וואָס ווערט דאָרט דער מאָנט וואָס אין תרע׳ג וועלען זיי דאָרט איר באַפאַלען, „מתכנשין לגו סרתא דכתא דרומי״ מיינט קאָנסטאַנטינאָפּאָל וואָס האָט געליטען אין דער מלחמה און פאַרלוירען ארץ ישראל, וואָס איז דערקלערט געוואָרען אלס א נאַציאָנאַלע היים פאַר די אידען מיט די אראַבער א. א. וו.

אינטערעסאַנט איז צו דערמאָנען די נבואה פון ר׳ יוסף אבן יחייא (געב. אין יאָר רנ״ד־1494; געשט. אין יאָר רצ״ט 1539) אין זיין פירוש צום ספר דניאל, אויס־טייטשענדיג דניאל׳ס „קץ״, פירט ער אויס אז די גאולה וועט זיין ביים סוף פון יאָר הת״ש, אָדער וועט זיך פאַרציען אביסעל שפּעטער. ד.ה. אז אונזער צייט איז די צייט פון משיח.

אינטערעסאַנט איז אויך וואָס מיט טויזענט יאָר צוריק אין יאָר ד׳ אלפים תת״ג (1042) נאָכן שרעקלאכען פּאָגראָם אויף אידען אין גראַנאַדע שפּאַניע, איז דערשינען א ספר מיטן נאָמען „זרובבל״ אין וועלכען עס ווערט אָנגעוויזען דורך פאַר־שיידענע חשבונות אז אינם יאָר 990 נאָכן חורבן בית שני (ר״ה אין 1068) וועט קומען משיח אויסלייזען די אידען.

הרב ראָזענבערג האָט געשאַפען אויף דריי געביטען: 1) הלכה, רבנישע ליטע־ראַטור; 2) דרוש און קבלה און 3) פאָלקס ליטעראַטור. פון זיינע דרוש אין קבלה ספרים זענען באַקאַנט די ספרים „עטרת תפארת״ אויף חומש „על־פי פרד״ס״; „נפלאות הזהר״, א ביכל וואָס אנטהאַלט אלע מעשות פון זוהר; „ילקוט אליהו״ הנביא, מעשיות וועגען אליהו הנביא און „הגדת מהר״ל מפראַג״ לויט א כתב־יד פון א ביכ־ליאָטעק.

אויף׳ן געביט פון פאָלקס־ליטעראַטור האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט שרייבען מעשה ביכלעך אין לשון קודש און אין אידיש. ער האָט געשריבען די ספרים „רפואות הנפש ורפואות הגוף״, (איבערגעזעצט פון רמב״ם מיט א פירצערע ביאָגראַפיע פון רמב״ם); „ספר רפאל המלאך (וועגען סגולות, קמיעות און מעריצין לויט דאָקטאָריען; „נפלאות מהר״ל״ מפראג, תפארת מהר״ל משפּאַלע, „דברי הימים לשלמה המלך״ א. א. די אלע ביכלעך האָט ער געשריבען אין א נאַאיווען פאָלקסטימ־

ליכען טראַדיציאָנעלען סטיל אין אידיש. דאָס ספר רפאל המלאך אנטהאלט עצות און רעצעפטען פון דער פאַלקס מעדיצין און היגיענע און ווערט נאָך ביזן היינטיגען טאָג באַנוצט פון אַ סך חסידישע רביים. *) דער גולם אנטהאלט אַ רייכע זאַמלונג וואָס שטיצט זיך אויף פאַרשיידענע לעגענדעס וועגען מהר״ל׳ס גולם. דער ציקל גולם לעגענדע איז געוואָרען דער מקור פון די פאָלקלאָר מיטאָלאָגיע וואָס איז לעצטענס אזוי פיל אויסגענוצט געוואָרען פון דער ליטעראטור, אזוי אין פּאָעזיע און אין בעלעטריסטיק. בכלל אין אלע זיינע ווערק, די חסידישע און פאָלקסטימליכע האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מאַן מיט אַ ריכטערישער נשמה און שטאַרקע נייגונג פון מיסטיציזם.

און באמת ווען מען טראַכט זיך אריין אין די פאָלקס מעשה׳לעך און לעגענדעס וואָס ער האָט אָנגעשריבען האָבען זיי אלע אַ שייכות צו זיין רעליגיאָזיטעט און מיסטיק. עס איז דאָס זעלבע ווי די מעשות פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער און אנדערע חסידישע און לעגענדאַרע מעשה׳לאַך וועגען די הייליגע רביים און רבנים.

דאָס איראַציאָנאַלע, עמאָציאָנאַלע און ליבעס נעפיהל פון חסידיזם און קבלה, האָט געפונען ביי אים נייע, טיפע, מיסטישע ליידענשאַפטען. ביים קריסטאַליזירען זיך האָט עס געפונען ביי אים אבסטראַקציע פון נאָך איבערנעטראַכטע מעשה׳לאַך.

ער, גלייך ווי אלע אנדערע איבערגעגעבענע צום חסידיזם, האָט פאַרצייכענט און געזאַמעלט די מעשות פון חסידות; דער אונטערשייד איז, וואָס די קינסטלער אין זייערע ראָמאַנען ווי אין „ריבוש״ „גאָלדענע קייט״ האָבען אריינגעבראַכט אין חסידות זייער איינענעם פאָרם אין אינהאַלט, האָבען געשאַפען פון די טראַדיציאָנעלע לעגענדעס אידיש לעבען; פאַרן קינסטלער איז עס געווען ליטעראטור, לעגענדע, דראַמאַטישע מאָטיווען, נים טער ווי שייקספּיר׳ס „מידסאָמער נייטס דרים״ מיט זומערדינגען נאַכט חלום, און אנדערע לעגענדעס וועלכע ווערען געשאַפען דורך פאָלקס מיטאָס און דורך וועלכע מען באַקענט זיך מיט פאָלקס נשמה און לעבען. *) ער האָט אָבער געשריבען בתמימות די לעגענדעס אינם פאָלקסטימליכען סטיל ווייל זיי זיינען געווען פאַר אים אַ ווירקליכקייט ווייל ער האָט געגלויבט אין חסידות, אליין געווען אַ שטיק „רבי״, אליין געטראָגען די גרויסע לאַנגע באָרד און פיאות, אטלאַסענע זשופּיצע און שטריימעל. ער אליין האָט געגלויבט אין דער קבלה און מיסטיק און האָט עס נים נאָר געזען נאָר אויך געפיהלט דאָס חסידות, די ליבע פון חסידות און אליין געזונגען דעם אר״י׳ס זמירות פון „אזמר בשבחין״. „אסדר לסעודתא בצפרא דשבתא״. „בני היכלא דכסיפין״.

ער אליין האָט זיך באַנוצט מיט די סימבאָלישע ווערטער פון קבלה, ער אליין האָט עס אויסגעזונגען מיט מתיקות-רינגקייט, ער אליין האָט געגלויבט „באמונה שלמה״, אַנגעטאָפּט דאָס חסידות אין אלע זיינע טעמערלעך ווייל פאַר אים זענען זיי ליכטיג געווען און דעריבער האָט ער אויך געשאַפען אַ „גולם״ אַ גאַנצען, אזוי ווי ער שטיים און

*) די ואַסירלעכע חעריציען געמאַכט פון פאַרשיירענע געוויקסען, וואַפּען, געוויצען געפוועט ח״ר, אין תנ״ך. אין תלמוד ווערען אויך דערמאָנט געוויסע ואסור־רפואות און סגולות.

*) דורך דער חיסטיק, האָבען גאָר גרויסע קולטור־מענשען זיך דערהויבען רעליגיעז און אידעאַליסטיש. דער באַריהמטער רוסישער שריפטשטעלער ל. טאָלסטאָי האָט געשאַפען זיינע גרויסע ווערק. ואַכרעט ווי ער איז אויסגעשט געוואָרען פון דער פלאַכער. טרוקענע קולטור און געוואָרען רעליגיעז־מיסטיש. דערוטפורינג אין רעליגיע די ברייטע און טיפע וועלט וואָס האָט ניט קיין ברעג און גרונט. ער האָט געזען אין רעליגיע דעם יסוד און בנין פאַר ריינער עטיק. תמכערען אידעאַליזם וואָס איז בכח אַרויפצופירען די מענשהייט צו די הויכע אידעאַלען פון פרייהייט, יושר, אמת, גלייכהייט און ברידערליכקייט . . .

נײם. א „גולם״, אַן א װאַסער פאַרפּוצונג. און אַן פאַרשלײערונג, נאָר אַן אײנפּואַר־טינגען טראַדיציאָנעלען לעגענדאַרישען גולם װאָס װעט בלײבען אין דער אידישער לעגענדע, אין דער אידישער מיסטיק, אין דער אידישער מיטאָלאָגיע . . .

י. ל. פּרץ, דער קלאַסיקער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור איז אויך געװען איבערפולט פונם רעליגיעז־מיסטיציזם און דעריבער האָט ער אויסגעחלוסט אין זײנע גרעסערע װערק, דעם פרײען, גײסטיגען, דענקענדיגען איר־מענש װאָס שטרעבט, װאָס בענקט צו הײלינקײט, צו יום־טוב־דינקײט. ער זעט דעם ראַזיגען מענש „בײנאַכט אויפן מאַרק״, ער זעט איס אין „גאָלדענע קײט״ און נאָך מער אַנטפּלעקט ער זיך פאַר אים און „אויב נים נאָך העכער״.

אויף אזא אופן ברענגט פּרץ ארויס די אײנענטליכע אטריבוטען פון אידישקײט, פון חסידיזם — אַן אײביג שטרעבען פּאַראויסצוגײן, שטײגען העכער און העכער, ער לב השמים; צו העכערען אידעאַליזם װאָס איז באַגרינדעט אויף נביאים־פאַרלאַנג פון אחרות, ליבשאַפט, ערלעכקײט, אמונה און בטחון.

אין יאָר תרצ״א (1931), האָט די מאָנטרעאָלער קהלה געפײערט דעם 70־יאָריגען יובילעאום פון הרב ראָזענבערג. דער יובילײ־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון „ועד העיר״, „ועד הרבנים״ (הרב צבי הכהן יושב ראש) און די שול „הדרת קודש אנשי פּוילען״ (פּרעז. ש. גרינפעלד) װעמעס רב ער איז געװען עטלעכע צענדליג יאָר. צו דער געלעגענהײט איז אויך דערשינען א „ספר הזכרון״ פון עטלאַכע אָפּשאַצונג־מאמרים און באַגריסונגען רעדאַגירט פון באַקאַנטען שריפטשטעלער דר. צבי כהן מיט דער מיטהילף פון רבי יוסף פוקס.

די יובילײ פײערונג איז פאָרגעקומען אויף אַן איספּאַזאַנטען אופן, מיטװאָך דעם צװײטען טאָג ר״ח אדר תרצ״א (18־טער פעברואַר 1931).

װי עס איז צו זען פון די לאָקאַלע באַגריסונגען, ארײנגערעכענט די באַגריסונג פון „ועד הרבנים״ איז דאָס אידיש־אָרטאָדאָקסישער מאָנטרעאָל שטאָלץ דערמיט, װאָס הרב ראָזענבערג האָט פאַרנומען א חשוב אָרט (אלס סגן בית דין) אינם ועד הרבנים פון זײער קהלה. די שטאָט מאָנטרעאָל װי עס איז צו זען, האָט אנערקענט די גרויסע פאַרדינסטען פון דעם געערטען רב און מחבר װעלכער האָט באַרײכערט די אידיש־העברעאישע ליטעראַטור. אין דער באַגריסונג פון „ועד הרבנים״ װערט צװישען אנדערעס געזאָגט: משתתפים אנו בחגיגת יובל השבעים של חברינו איש רב פעלים, אשר פריו נתן בעתו לזכות את הרבים בספרים מפורסמים, דולה ומשקה ממעין החכמה נגלה ונסתר . . .״

צװישען די באַגריסונגען און גראַטולאַציעס געפינט זיך אויך א באַגריסונג פון ת״ת „עץ חיים״, געחתמ׳עט פון דעמאָלטדיגען יושב־ראש, נחמי׳ קעלערמאַן אין נאָמען פון קאָמיטעט. אויסער די באַגריסונגען פון קאַנאַדע און די פאַראײניגטע שטאַטען זענען אויך אָנגעקומען באַגריסונגען פון אײראָפּע און אזיע. איך װעל בלויז דער־מאָנען עטלאַכע. הרב שלמה דוד בהנא, יושב־ראש פון „ועד הרבנים לערת װאַרשאַ, אין זײן פערזענליכע באַגריסונג שרײבט צװישען אנדערעס: „למשוש לבי ותרות נפשי נודעתי, אשר ביום ג׳ כסלו הבע״ל ימלאו לכת״ר שבעים שנה. והנני בזה לאתל מרתוס את ברכתי, ברכת בהנים המשולשת . . . להאיר ולהבין כזהר אש דת שלהבת ד׳ . . .״

אין נאָמען פון דער באַריסטער אינגר־משפחה אין לובלין באַגריסט אים ר׳ דוד אינגר שליט״א (זון פון באַװאוסטען רבי׳ן ר׳ אברהם אינגר זצ״ל, בעל „שבט מיהודה״, און ברודער פון די באַװאוסטע אדמור״ים ר׳ שלמה זצ״ל *) און ה׳ עזריאל מאיר

*) דער דאָזיגער גאון, חכם וקדוש איז מיט צװײ יאָר צוריק געפאַלען „על קידוש השם״, דורך דער ברוטאלער נאצי־מאכט אין פּוילען.

שליט״א). ער שרייבט צווישען אנדערעס: „. . . הנה באמת גם אנשי מכירו ומיודעיו במדינת פולניא, יש להם מה שיאמרו אודותיו ועל עבודתו הפורי׳ לטובת עם ישראל בהיותו עוד עמנו יחד פה. ובפרטות אנחנו אנשי משפחת איגר אשר מכירים אנחנו את מדת גדלו וטובו מרבת בשנים בהשתופף בצלא דמהימנותא אתנו יחד. אבל מחמת גודל חולשתי בימים האחרונים לא אוכל להרבות בכתב וברעיון ומוכרח לקצר אף במקום שאמרו להאריך . . . ונזכה כולנו יחד בטהרה לאורו אור חדש, אורו של מלך המשיח . . . בברכת הכבוד ואהבה.

דוד כמהחדי״א זצ״ל איגר מלובלין.

פון ארץ ישראל באגריסען אים אלע דריי וויכטיגע רבנים, הרב ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק; הרב ר׳ יוסף חיים זאָנענפעלד וכרונם לברכה; און הרב ר׳ בן ציון מאיר עוזיאל. דאָ איז נים דאָס פלאץ אויסצורעכענען אלע באגריסונגען איך וועל בלויז ברענגען נאָך איין אינטערעסאנטע באגריסונג פון אלעקסאנדריע של מצרים אין נאָמען פון דארטיגען בית־דין הצדק, וועלכע לייענט זיך:

„נא אמון ביום שבעה ימים לחודש, בסלו תרצ״א, גם אני אבוא חיום לקחת חלק בשמחת ידידי האהוב והחביב הרה״ג המפורסם. . . כמוהר״ר יודל ראָזענבערג סו״ץ בעיר מאָנטריאל (קנדא) בחג היובל למלאת לו שבעים שנה. ומעמקי לבי אני מברך אותו שר׳ יאריך ימיו בטוב ושנותיו בנעימים . . . כחפץ אוהבו הנאמן, מוקירו ומכבדו בערכו הרם.

„אלעקסאנדריע של מצרים

„הצעיר דוד פראטו, ס״ט".

---

## ויעש אלקים (בראשית א׳כ״ה)

## תקנם בצביונם ובקומתם (רש״י)

אלע באשעפענישען זיינען באשאפען געוואָרען באלד אין און אנטוויקעלטען פאָרם. די ערשטע באשאפענע בהמה האָט אויסגעזען ווי אן אנטוויקעלטע פון א לענגערע ציים, הויך און פארפאַלקאָמט, און אזוי אלע אנדערע.

דערפון איז אָפּגעפרעגט די באווייזן פון נאַטור־פאָרשער, אז די וועלט איז עלטער פון זעקס טויזענט יאָר, וואָרים זיי געפונען אין דער ערד, ביינער פון באשעפענישען אָדער מינעראַלען, וואָס לויט די איצטיגע אנטוויקלונגס געזעצען אין דער נאַטור, וואָלטען זיי געדאַרפט האָבען אן אנטוויקלונג פון מיליאָנען יאָרען און זיי ווילען דארום אָפּלייקענען אונזער מסורה אין באצוג צו דער עלטער פון דער וועלט. זייער טעות איז אָבער נאָך א גרויסער און געמט זיך דערפון וואָס זיי בארעכענען יעדער זאַך לויט זיין נאָרמאלער אנטוויקלונג. באמת אָבער, זיינען די באשעפענישען באשאפען געוואָרען אין א פולשטענדיגען גום אנטוויקעלטען פאָרם, קאָן מען דאָך בכלל נים וויסען וואָס פאר א גרויס די אָדער יענע חיה האָט געהאַט בעת איר באשאפונג, אָדער וואָס פאר א פאָרם דער מינעראל האָט געהאָט אין דער ציים ווען די ערד איז באשאפען געוואָרען. די אנטוויקלונגס אופנים פון נאָך דער באשאפונג קאָן מען נים פארגלייכען מים